Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Moskve, 1941

גויִמאַק מעד

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

# דעם קאָמיוג

ווי ס׳שיידט זיך ניט קיין מילגרוים מיטן זאפט
און פרידנדיקע שווערדן — מיט די שיידן, —
אזוי וועט זיך דײַן עמעס און דײַן קראפט
אין ערגעץ ניט און קיינמאָל ניט צעשיידן.

און גרייט זײַן, ווי דאָס וואפן אף דעם קריג,
צו אופבליץ, ווען ס׳וועט רופן די געפאר דיך:
דיר צוגעמישפעט זײַנען זיי — אין זיג,
ווי ס׳בליִענדיקע פאָטערלאנד — אין שלאכטן!

געגאנגען זײַנען טאטעס ווי א שניט,
און מאמעס זײַנען אויסגעגאן אין ווארטן;
נ׳אז ס׳האָבן זיך פון ערגעץ ניט קיין טריט
באוויזן אין די גרויזאמע באנאכטן, —

איז לעניִן דאן געקומען צו דײַן וויג,
מיט ווינטן דיך געוויקלט און באוואכט דאָרט;
געטריפט צו דיר האָט קלוגשאפט פון זיין בליק,
געקלאפט פאר דיר זײַן הארץ האָט ווי א שלאכט-ליד,

אז זײַן זאָלסטו — דאָס ערשטע דאָס געבראכטס
פון אָפגעשטורעמט-שטערנדיקן האָגל;

אריַינגעבלוטיקט האָט ער דיר זיַין הארץ,
אז זאָלסט עס אין דער אייביקייַט דערטראָגן.

ס׳זאָל אין ערגעץ דיך ניט אָפּשטעלן קיין נאכט,
און ס׳זאָל פון בלענדעניש דיַין אויג זיך ניט פארבלייַען;
אויב שלאכט וועט דיך באגעגענען, — איז שלאכט!
אויב פיַיער וועט דיך אופרופן, — איז פיַיער!

דורך אופגעוויגטן פיַיערדיקן וועג,
דורך שראמען און דורך שטערנדיקע שפורן, —
האָט סטאלין דיך געלערנט — אין געשלעג
געווינען און פארטרויען זיך דעם שטורעם.

די ביקס האָט אפּ זיַין אקסל ניט גערוט,
צוקאָפּנס האָט א שטערן אים געפלאטערט;
אריַינגעאָטעמט האָט ער דיר זיַין מוט,
אז וואקסן זאָלסט צו רום פון דיַינע טאטעס.

געוואגטקייַט זאָל דיך זעטיקן, ווי ברויט,
און ליבשאפט, און דיַין דאָרשטיקייַט צו שטרעבן
פארניכטנדיקער זיַין זאָל פונעם טויט
און פריידיקער און שטארקער פונעם לעבן!